ברוכה לאַנג

## דער רעטאָרישער געבוי פֿון „הקדמת מנדלי מוכר־ספֿרים"

די וועלט באַשטייט אויף אָפּנאַרעכץ[1]

### הקדמה

פֿאַר וואָס שטעלן מיר זיך דאָ אָפּ נישט בלויז אויפֿן געבוי פֿון „הקדמת מנדלי מוכר־ספֿרים,"[2] נאָר בפֿירוש אויפֿן רעטאָרישן געבוי? וואָס איז דאָס אַזוינס רעטאָריק? אין ווערטערבוך ווערן אָנגעגעבן, צווישן אַנדערע, אָט די צוויי דעפֿיניציעס: 1. „די קונסט פֿון אויסנוצן רייד, כּדי איבערצוצײַגן, צו באַאײַנפֿלוסן, אָדער נושׂא־חן צו זײַן," 2. „רייד אָדער אַנדערע אויסדרוקפֿאָרמען (discourse), וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פֿון באַדײַטיקייט, אָבער וואָס האָבן נישט קיין אמתן באַטײַט."[3] ווי מיר וועלן זען, איז די הקדמה אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז, כאָטש זי לייקנט נישט אָפּ יעדן באַטײַט, פֿאַרשטעלט זי דעם מחברס אמתן מיין, און דערדורך צילט זי משפּיע צו זײַן אויפֿן לייענער.

וואָס האָט דער מחבר געוואָלט פֿאַרשטעלן? אויף וועמען האָט ער געוואָלט משפּיע זײַן? ווי אַ רעטאָריש ווערק וועלן מיר דאָ אויסטײַטשן די הקדמה ווי אַ טייל פֿון דער משׂכּילישער טראַדיציע. אַבראַמאָוויטש איז אין די פֿריִערע יאָרן פֿון זײַן שאַפֿערישער קאַריערע נאָכגעגאַנגען דעם משׂכּילישן ציל פֿון אויפֿקלערן דאָס פֿאָלק: ער טענהט למשל אין דער קורצער ביאָגראַפֿישער סקיצע „שטריכן צו מײַן ביאָגראַפֿיע," אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון הייליקן לשון־קודש צו דער „פֿאַרשאָלטענער" שפּראַך ייִדיש כּדי „צו טאָן פֿאַרן פֿאָלק."[4] ווי אַנדערע משׂכּילים האָט ער געשריבן זײַנע (פֿריִערדיקע) ווערק אין אַ פֿאָרעם, וואָס האָט אויסגעזען ווי דאָס טראַדיציאָנעל־פֿרומע מעשׂה־ביכל, אָבער וואָס האָט איבערגעגעבן אַ וועלטלעכן מוסר־השׂכּל. מ'האָט געוואָלט פֿאַרשטעלן דעם משׂכּילישן כאַראַקטער פֿון די ווערק, כּדי די פֿרומע ייִדן זאָלן זיי נישט גלײַך אַרײַנלייגן אין חרם, אָבער מ'האָט <u>גלײַכצײַטיק</u> געוואָלט משפּיע זײַן אויפֿן לייענער מיט די משׂכּילישע געדאַנקען.

[1] מענדעלע מוכר־ספֿרים, האישון הקטן דאָס קליינע מענטשעלע, תרגום, ערך והביא לדפוס שלום לוריא (חיפה: הוצאת הספרים של אוניברסיטת חיפה, 1984) פּאַראַגראַף 13.

[2] אָט דער עסיי איז זיך סומך אויף שלום לוריאס אויסגאַבע פֿון דער הקדמה אין זײַן אויסגאַבע פֿון דאָס קליינע מענטשעלע (זעט הערה 1). אָט די אויסגאַבע גיט איבער סײַ דעם ערשטן נוסח פֿון 1879, סײַ דעם איבערגעשריבענעם נוסח פֿון 1907. איך האָב דאָ שטענדיק ציטירט פֿונעם שפּעטערדיקן נוסח. אָפּשיקן זײַנען צו די פּאַראַגראַפֿן, וואָס לוריא האָט נומערירט.

[3] Collins Dictionary of the English Language, 1986 ed.

[4] מענדעלע מוכר־ספֿרים, אַלע ווערק, 22 בב' (וואַרשע: פֿאַרלאַג „מענדעלע" 1928) 19:148־149.

דאָס האָט אַבראַמאָוויטש געטאָן אויף אַ גאָר ראַפֿינירטן אופֿן מיטן געשטאַלט פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים. דער מוכר־ספֿרים איז געווען אַ באַקאַנטע פֿיגור אין שטעטל און מענדעלע זעט טאַקע אויס ווי אַלע טראַדיציאָנעלע ייִדן. פֿונדעסטוועגן ווײַכן זײַנע געדאַנקען אָפּ פֿונעם אָנגענומענעם וועלטבאַנעם, און אַזוי איז ער אַ פּאַסיקער שותּף אין אַבראַמאָוויטשעס סאַטירע און מוסר. דער רעטאָרישער געבוי פֿון „מענדעלעס" הקדמה ווערט אויסגעניצט, כּדי פֿאָרצושטעלן פֿאַר דער לייענערשאַפֿט אָט דאָס צווייטײַטשיקע געשטאַלט. אַזוי איז נישט קיין חידוש, אַז דער געבוי באַשטייט פֿון עטלעכע שיכטן: דער, וואָס כאַפּט נאָר דעם ערשטן שיכט, וועט נישט כאַפּן די צווייטײַטשיקייט. מיר וועלן איצט אַרויסהייבן דרײַ פֿאַרשיידענע שיכטן, און צוליב דעם, וואָס מענדעלע רעדט, וועלן מיר דאָ אָנרופֿן דעם מחבר פֿון דער הקדמה „מענדעלע."

## 1. מה שמכם?

דער תּירוץ, אויף וועלכן דער ערשטער שיכט פֿון דער הקדמה ווערט געבויט ווערט קלאָר איבערגעגבן אינעם ערשטן און לעצטן זאַץ פֿונעם ערשטן פּאַראַגראַף (צום לאַנגן אָפּשניט צווישן די דאָזיקע צוויי זאַצן וועלן מיר זיך שפּעטער צוריקקערן):

'מה שמכם?' – דאָס איז די ערשטע שאלה, וואָס אַ ייִד פֿרעגט דעם אַנדערן גאָר אַ ווילד פֿרעמדן, באַלד ווי ער באַגעגנט זיך מיט אים און שטעקט אים אָפּ אַ 'שלום־עליכם'! . . . איך ווייס זייער גוט, אַז בײַ מײַן ערשטן אַרויספֿאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי הייסט מען עס, מיט מײַנע מעשׂיות, וועט געוויס דעם עולמס ערשטע שאלה זײַן: 'מה שמכם, פֿעטער?'

אינעם צווייטן פּאַראַגראַף ענטפֿערט מענדעלע (כּלומרשט) אויף דער ערשטער פֿראַגע, דערנאָך שאַפֿט ער אינעם דריטן פּאַראַגראַף דאָס געדעם, אין וועלכן ער וועט צונויפֿשטעלן די ווײַטערדיקע טיילן פֿון דער הקדמה:

דערמיט אַליין אָבער איז מען נאָך נישט יוצא. נאָך דער דאָזיקער ערשטער שאלה הייבן בײַ ייִדן זיך ערשט אָן צו שיטן אַלערליי מיני שאלות, ווי אַ שטייגער: פֿון וואַנען איז עס אַ ייִד? זײַט איר אַ באַווײַבטער? האָט אַ ייִד קינדער? מיט וואָס האַנדלט עפּעס אַ ייִד? וווהין, הא, פֿאָרט עס אַ ייִד?

ער פֿילט אַ מין חובֿ צו ענטפֿערן אויף די אַלע שאלות, ווײַל ער וויל נישט שטערן דעם גלײַכוואָג פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן סדר בײַ ייִדן, און אַזוי איז ער „בערײַט" דאָס צו טאָן, „קורץ און גיך ווי נאָר מעגלעך." און געזאָגט איז געטאָן: עטלעכע זײַטלעך שפּעטער קען ער איבערגעבן, אַז ער האָט אויסגעפֿירט זײַנס: „דאַכט זיך, אַלצדינג אָפּגעזאָגט און

יוצא" (17).

די דאָזיקע סטרוקטור איז זיך סומך אויף אַ מין שמועס, וואָס איז טיף אײַנגעוואָרצלט אינעם טראַדיציאָנעלן שטייגער לעבן בײַ ייִדן. דערמיט ווײַזט מענדעלע נישט נאָר, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיט אָט דעם שטייגער, נאָר אויך, אַז ער אַליין פֿירט זיך לויט די שייכדיקע מינהגים. אַ כּלל, ער איז אַ כּשרער ייִד, און מען מעג האָבן צוטרוי צו אים.

ווײַטער מאַכט ער אַ היימישן רושם דערדורך, וואָס ער רעדט דאָס אייגענע לשון ווי דער פּשוטער ייִד. אַהרן גורטשטיין האָט באַמערקט, אַז מענדעלע ניצט בכלל אין זײַנע פֿרײַקע ווערק די „גערעדטע פֿאָלקספּראַך"[5], צוליב דעם, וואָס ייִדיש האָט זיך אַנטוויקלט אין מויל און נישט אין ביכער, האָט אָט די גערעדטע פֿאָלקספּראַך מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם רײַכסטן מקור פֿאַר די פֿרײַקע ייִדישע שרײַבערס. אָבער דאָס איז אייגנטלעך דאָ נישט שייך, וויכטיקער איז דאָס, וואָס דאָס רעדן, דאָס שמועסן איז געווען אַ ממשותדיקער באַשטייטייל פֿונעם טראַדיציאָנעלן שטייגער לעבן – ווי ס'באַשטעטיקן שלום-עליכמס באַרימטע מאָנאָלאָגן. אין די לעצטערע ווערט קלאָר, אַז דיגרעסיע דורך אַסאָציאַציע איז נישט קיין זעלטנקייט, און אַזוי קען מען אויך פֿאַרשטיין מענדעלעס פֿילצאָליקע אָפּטרעטונגען פֿון די עיקר קשיות, וואָס ער האָט זיך געשטעלט. אַזוי איז דער עצם באַגריף פֿון אַ שמועס, וואָס ווײַכט אָפּט אָפּ פֿונעם צענטראַלן ענין זייער אַ ייִדישלעכער. דאָס אויסערע גערעם פֿון דער הקדמה, דער ערשטער שיכט, פּאַסט אין גאַנצן צו צום טראַדיציאָנעלן שטייגער: דער טראַדיציאָנעלער לייענער וואָלט עס דערקענט ווי אַ טייל פֿון זײַן וועלט. דערמיט שאַפֿט מענדעלע דעם פֿעסטן באָדן, אויף וועלכן ער וועט בויען זײַן משׂכּילישע סאַטירע.

דן מירון באַמערקט, אַז מענדעלע ניצט אויס טראַדיציאָנעלע שפּראַכפֿאָרמען (אַ שטייגער די שפּראַך פֿון תּהילים אָדער פֿון מידרש) אויף אַן איבערקערישן (סובווערסיוון) אופֿן קעגן דער טראַדיציאָנעלער וועלט.[6] דאָ ניצט ער אויס דעם טאָגטעגלעכן שמועס אויפֿן דאָזיקן צוועק, ווי מיר וועלן זען אינעם אַנאַליז פֿון ווײַטערדיקע צוויי שיכטן פֿונעם רעטאָרישן געבוי פֿון דער הקדמה.

---

[5]אהרן גורשטיין, „דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פֿון די 60ער יאָרן", די ייִדישע ליטעראַטור אין נײַנצעטן יאָרהונדערט, רעד. חוה טורניאַנסקי (ירושלים: מאגנס, תשנ"ג) 495.

[6]Dan Miron, A Traveler Disguised (New York: Shocken, 1973) chapter 5 section ii.

## 2. דאָס בין איך נישט אויסן

די אײגנטלעכע ענטפֿערס, וואָס מענדעלע גיט אויף די „שאלות,“ וואָס ער האָט זיך בפֿירוש געשטעלט, זײַנען קורץ: „מענדעלע הייס איך!“ (2), „אַליין בין איך אַ געבירטיקער פֿו צבֿועטשיך“ (4), „האַנדלען האַנדל איך . . . מיט ספֿרים“ (7). ווי וואָלטן זיי געקענט זײַן לענגער? זיי זײַנען די קורצע ענטפֿערס אויף קורצע פֿראַגעס. דורך אָט די ענטפֿערס גייט ער אָבער איבער אַסאָציאַטיוו, ווי מיר האָבן שוין מרמז געווען, אויף היפּשע דיגרעסיעס, וואָס פֿון זיי באַשטייט דער גרעסטער טייל פֿון דער הקדמה. די אויבן דערמאָנטע ענטפֿערס שטייען אַלע אין אָנהייב פֿון אַ פּאַראַגראַף און פֿירן אײַן אַ לאָגיש פֿאַרבונדענע אָבער לאַוו־דווקאַ געריכטע טעמע. דורכן דערמאָנען דאָס שטעטל פֿון זײַן געבוירן־ווערן, למשל, קומט ער צו צו די אַנדערע שטעטלעך אין געגנט.

נאָר איין מאָל קומט ער צום ענטפֿער אויף איינעם פֿון די פֿרי̇ער געשטעלטע פֿראַגעס דורך אַסאָציאַציע, און דעמאָלט באַווײַזט זיך דער ענטפֿער כמעט צום סוף פֿון פּאַראַגראַף (אינעם ערשטן נוסח איז ער טאַקע צום סוף). נאָכן אויסרעכענען עטלעכע פֿיזישע שטריכן זײַנע, דערמאָנט ער, אַז זײַן ווײַב האָט „זיך נישט אינטערעסירט מיט אַזעלכע קלייניקייטן“ פֿאַר דער חתונה, און אַזוי אַרום קומט ער צו דער טעמע משפּחה:

> מילא, ווייסט איר דאָך שוין, רבותי, אַז איך בין אַ באַווײַבטער, און פֿון קינדערלעך האָט מען גאָרנישט וואָס צו ריידן. עס פֿאַרשאַייט זיך, אַז איך האָב, אָן עין־הרע, טאַקע פֿיל. (6)

אינעם שפּעטערדיקן נוסח גיט ער צו די ווערטער: „וואָס דען האָט אַ ייִד? . . . נישט דאָס בין איך אויסן.“ ווי מיר וועלן תּיכּף זען, איז די פֿראַזע „נישט דאָס בין איך אויסן“ דער סימן־מובֿהק פֿון דער דיגרעסיע אין דער הקדמה (ווי בכלל אין מענדעלס הקדמות) און קערט זיך אום שטענדיק ווי אַ מין רעפֿרען. דאָ איז אינטערעסאַנט, וואָס משפּחה — אַ טעמע, וואָס איז דאָך זייער וויכטיק בײַ ייִדן — ווערט בלויז דערמאָנט אין אַ דיגרעסיע. כּדי דאָס אַרויסצוהייבן גיט מענדעלע צו דעם דיגרעסיע־רעפֿרען. אַזוי ווערן ווײַב און קינדער — אַן עיקר — אַוועקגעשטעלט אויפֿן אָרט פֿון זײַטיקע זאַכן: אַ סימן, אַז מענדעלע האָט נישט ליב צו זײַן אין דער היים. דערצו וועלן מיר צוריקקערן.

דאָ ניצט אויס מענדעלע דעם אָנגענומענעם געדאַנק, אַז אַ דיגרעסיע דאַרף זײַן אַ זײַטיקע זאַך, כּדי אָפּצוווערטן עפּעס, וואָס איז אַן אָנגענומענער עיקר. געוויינטלעך ניצט ער אָבער די דיגרעסיע אויף אַ פֿאַרקערטן אופֿן: זי זאָל אַרויסהייבן אַ „זײַטיקן ענין,“ כּדי אָט דער ענין זאָל אײַננעמען דעם אָרט פֿונעם עיקר. ס'קען זײַן, אַז דער פּשוטער לייענער וואָלט פֿאַרט באַטראַכט אַלע דיגרעסיעס ווי זײַטיקע ענינים און טאַקע

מענדעלען געגליבט, ווען ער זאָגט, „נישט דאָס בין איך אויסן.״ מ׳האָט אָבער שוין באַמערקט, אַז אַט דער רעפֿרען ווײַזט דווקא אָן אויף אַן עיקר. גורשטיין האָט גוט באַשריבן, ווי מענדעלע באַניצט זיך דערמיט:

> ווי באַוווּסט, איז די דאָזיקע „פֿאָרמולע״ בײַ מענדעלען כמעט אַלע מאָל אַ שלוס־פֿאָרמולע פֿאַר זײַנע באַליבטע אָפּווײַכונגען פֿון דער אַלגעמיינער דערציילערישער ליניע. די מענדעלישע „אָפּווײַכונגען״ טראָגן מערסטן טייל אַ סאַטירישן אָדער איראָנישן כאַראַקטער, און דאָס „ניט דאָס בין איך אויסן״ שטרײַכט נאָר אונטער דעם שרײַבערישן מיין, דאָס, וואָס דער מחבר איז אויסן. (504)

אַזוי ניצט מענדנלע אויס די סטרוקטור, כדי פֿאַרצושטעלן (און צו פֿאַרשטעלן) זײַנע עיקר־געדאַנקען ווי זײַטיקע ענינים. די דיגרעסיע איז אייגנטלעך דער היפּוך פֿון דעם, וואָס זי דאַרף זײַן. און דאָס איז אמת נישט נאָר וואָס שייך סטרוקטור, נאָר אויך וואָס שייך תּוכן: דער פּשט איז קיין מאָל נישט דער ענטגילטיקער טײַטש און קען אַפֿילו זײַן דער היפּוך דערפֿון. מיר דאַרפֿן זין דאָ אָפּשטעלן אויפֿן „איראָנישן און סאַטירישן כאַראַקטער״ פֿון די דיגרעסיעס, ווײַל אָן איר וואָלטן די סטרוקטורעלע עלעמענטן פֿונעם רעטאָרישן געבוי נישט געקענט פֿונקציאָנירן. אין די ווײַטערדיקע בײַשפּילן וועלן מיר זען, אַז דער תּוכן איז אויך אַ מאָל מרמז אויף דער סטרוקטור.

אין די דיגרעסיעס באַשעפֿטיקט זיך מענדעלע מיט צוויי גרויסע טעמעס: 1. זיך, די אייגענע פּערזענלעכקייט, 2. די טראַדיציאָנעלע יידישע וועלט. לאָמיר נעמען איין בײַשפּיל פֿון יעדער קאַטעגאָריע; אין ביידע פֿאַלן וועלן מיר זען ווי אַ „כּשרע״ אייבערפֿלאַך פֿאַרשטעלט אַ „טרייפֿענעם״ תּוך.

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז מענדעלע זעט אויס ווי אַ טיפּישער שטעטלדיקער ייד, און אינעם אָפּשניט וועגן די „פּרימעטעס״ זײַנע (6) זאָגט ער בפֿירוש, אַז זײַן אויסזען נעמט גאָרנישט אויס – כאָטש לויט די אויסערלעכע סימנים, וואָס ווערן פֿאַרצייכנט אין זײַן פּאַספּאָרט. אַליין גיט ער אָבער צו עטלעכע שטריכן פֿון זײַן פּנים, וואָס ווײַזן אָן מער אויף כאַראַקטער ווי אויף אויסזען. און נאָך מער: זיי מאָלן טאַקע אויס אַ מענטש, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט סאַטירע און איראָניע: „אַז איך קוק, באַטראַכט, מאַך איך קורצזיכטיק אַ ביסל צו מײַנע קליינע אויגן, און אַז איך פֿאַרצי די ליפּן, דאַכט זיך, עס שוועבט אויף זיי אַ מילד־שטעכנדיק שמייכל.״ ער זאָגט נישט בפירוש, אַז ער האַלט נישט פֿון אַ סך שטעטלדיקע געוווינטהייטן: דאָס דאַרף דער לייענער אַליין אַרויסדרינגען פֿון דער באַשרײַבונג.

דאָס איז אָבער נאָך אַלץ ווייניק. נאָכן איבערגעבן די „פּרימעטעס״ פֿונעם פּאַספּאָרט,

פֿירט ער אײַן די אײגענע באַשרײַבונג מיט אַ מין קאַוועאַט, וואָס אויף אײן ניוואָ פֿונקציאָנירט עס ווי דער רעפֿרען „ניט דאָס בין איך אויסן," ווײַל עס לײקנט אָפּ די וויכטיקייט פֿון עפּעס, וואָס איז טאַקע וויכטיק:

> דער תּירוץ איז אָבער, אַז קשיות פֿרעגן איז קײן שׂכל ניט. הערסטו, דער גאַנצער שׂכל איז דאָך טאַקע, אַט נאָט אײַך 'פּרימעטעס' און ווייסט פּאַרט נישט, וואָס פֿאַר אַ פּנים איך האָב. . . און באמת טאַקע, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, אַז איר וועט שוין וויסן, אַ שטייגער, אַז מײַן שטערן איז אַ הויכער מיט אַ סך קנייטשן. . .

אויף אַ צווייטן ניוואָ ווײַזט ער גאָר אָן אויף זײַן סטראַטעגיע אין דער הקדמה. ער האָט זי געבויט אויף „קשיות" מיטן תּירוץ, אַז דורך די ענטפֿערס וועט מען זיך באַקענען מיט אים. דאָ זאָגט ער הויך און קלאָר פֿאַר יעדן, וואָס וויל הערן, אַז פֿון די געוויינטלעכע ענטפֿערס אויף געוויינטלעכע פֿראַגעס קען מען זיך גאָרנישט דערוויסן וועגן אַ מענטשן. דערנאָך איז ער מרמז אויף זײַן היפּוכדיקן אופֿן, אַז דער נישט אָפֿיציעלער, אָפּווײַכנדיקער אַרויסזאָג איז דער אמת גוטער קוואַל. ער האָט געבויט די הקדמה אויף אַן „אָפֿיציעלן" שמועס, אָבער דער עיקר ליגט אין די אָפּווײַכונגען.

כאָטש זײַנע יאָרן זײַנען פֿאַרשריבן אין פּאַספּאָרט, ווייסט מענדעלע נישט אויף זיכער ווי אַלט ער איז (5). אָט די באַמערקונג דערלויבט אים איבערצוגיין אויף די חילוקי־דעות פֿון זײַנע עלטערן וועגן זײַן עלטער. אַזוי מאָלט ער אויס אַ סאַטיריש בילד פֿון אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האָט נישט קיין פֿאַרלאָזלעכן אופֿן פֿון מעסטן צײַט. ווי אַזוי רעכנט מען די צאָל יאָרן זינט עפּעס איז געשען? מ'דערמאָנט זיך אין אַן אַנדערן, גרעסערן געשעעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער זעלבער צײַט. דער טאַטע טענהט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן „בשעת די גרויסע קרירות," בעת די מאַמע וויל, „אַז דאָס איז גאָר געווען מיט אַ יאָר צוויי נאָך דער ערשטער בהלה." איין זאַך איז אָבער זיכער: אין דער צײַט פֿון זײַן געבוירן־ווערן האָט „געקעלבט די רויטע קו און זאת־חנוכּה האָט זי פֿאַר אַ האַלב שטעטל געמאַכט מילכיקע וואַרעניקעס, פֿון וועלכע מען האָט געלעקט די פֿינגער און וואָס ליגן בײַ אַ טייל אַלטע ייִדן ביז הײַנט נאָך אין טעם." דאָ באַניצט זיך מענדעלע מיט אַ באַליבט סאַטיריש מיטל זײַנעם, וואָס דן מירון האָט באַשריבן,[7] דהײַנו – באַטאָס (bathos): דאָס פּלוצלינגדיקע אַראָפּגיין פֿון אַ הויכן ניוואָ אָדער אַן ערנסטן ענין אויף גאָר אַ באַנאַלן. אינעם באַריכט וועגן מענדעלעס עלטער ווערן די קרירות און די בהלה, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ לעבנס־סכּנה, גלײַכגעשטעלט מיט מילכיקע וואַרעניקעס. די ווירקונג איז סײַ קאָמיש,

[7] זעט הערה 6.

ווײַל ס'ווערן צונױפֿגעפּאַרט זאַכן, וואָס געהערן נישט צוזאַמען, סײַ סאַטיריש, ווײַל ס'ווערט אָנגעוויזן אויף די צעמישטע ווערטן פֿון די דאָזיקע מענטשן. אויפֿן אײבערפֿלאַך איז עס אָבער בלויז אַ „פֿאַקטנדיקע" באַשרײַבונג פֿון די חילוקי־דעות וועגן דעם מחבר׳ס עלטער: ווידער אַ מאָל זעען מיר, אַז דער אויסטײַטש ווײַכט שטאַרק אָפּ פֿונעם פּשט.

אָט די טעכניק פֿון באַטאַס איז אויך שייך דעם עצם געבוי פֿון דער הקדמה, ווען מיר באַטראַכטן אים רעטאָריש. אַן אָפּט גענוצט רעטאָריש מיטל איז די רעדע, וואָס שלײַפֿט די שפּראַך כּדי משפּיע צו זײַן אויפֿן צוהערער, און וואָס געהערט צו אַ הויכן שפּראַכניוואָ. דערקעגן איז מענדעלעס מיטל דער פּראָסט־פּשוטער שמועס, וואָס ניצט דאָס לשון פֿון פֿאָלק, און וואָס געהערט צו אַ נידעריקן שפּראַכניוואָ. דער שוין אויפֿגעקלערטער לייענער קען דערשפּירן די אימפּליציטע שפּאַנונג צווישן רעדע און שמועס, וואָס איז ווידער סײַ קאָמיש, סײַ סאַטיריש: קאָמיש, ווײַל אַ נידעריק מיטל (דער שמועס) ווערט גענוצט אויף אַ הויכן צוועק (אויפֿקלערן דאָס פֿאָלק); סאַטיריש, ווײַל ס'שטעקט דערין קענטיק די השערה, אַז דאָס פֿאָלק קען גאָרנישט נישט פֿאַרשטײן, וואָס איז מער קאָמפּליצירט פֿונעם טאָגטעגלעכן שמועס.

אָט דער אופֿן אויסטײַטשן די הקדמה ווײַזט אָן אין אַ געוויסער מאָס אויף איר טאָן. מיר דאַרפֿן אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז זי איז טאַקע ווײַט מער פֿון אַ „פּראָסט־פּשוטן שמועס": דער לייענער, וואָס דערשפּירט קאָמעדיע און סאַטירע, געניסט אויך פֿון דעם געשיקט צוזאַמענגעשטעלטן טעקסט, ווו דער פּשט ווערט שטענדיק איבערגעקערט. מיר וועלן איצט צוגיין צום דריטן שיכט, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אויסגעצייכנטן בײַשפּיל פֿון אונטערגראָבן דעם כּלומרשטיקן באַטײַט.

## 3. שלא כּדרך הטבֿע

דער דריטער שיכט באַשטייט פֿון די צוויי לאַנגע דיגרעסיעס, וואָס שטייען אין אָנהייב און צום סוף פֿון דער הקדמה (1, 11–16). מ'וואָלט געקענט זיי באַטראַכטן ווי אַ טייל פֿונעם צווייטן שיכט, וואָס האָט צו טאָן מיט דיגרעסיעס, אָבער זיי פֿאָרמירן אַ ראַמען, וואָס נעמט אַרום די הקדמה און פֿאַרסך־הכּלט אירע עיקרדיקע טעמעס, און ס'איז כּדאַי זיי צו באַטראַכטן ווי אַ שיכט פֿאַר זיך. די סופֿיקע, לענגערע דיגרעסיע איז אין גאַנצן צוגעגעבן געוואָרן אינעם שפּעטערדיקן נוסח: אַזוי האָט מענדעלע געדאַרפֿט דערמיט האָבן אַ ספּעציעלן מיין. נאָך אַ סימן, אַז דאָס איז געווען פֿאַר אים וויכטיק, זעט מען אין דער

פֿראַגע מיט וועלכער אָט די דיגרעסיע הייבט זיך אָן: ס'איז אַ פֿראַגע, וואָס מענדעלע שטעלט צו זיך אַליין אין גאַנג פֿון זײַנע געדאַנקען, אָפּגעזונדערט פֿון די סקאַרבאָווע פֿראַגעס פֿונעם באַקענען־זיך־שמועס.

ביידע דיגרעסיעס האָבן צו טאָן מיט נאַטור. די ערשטע שטעלט פֿאַר „די שאלה 'מה שמכם?'" ווי „אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך," וואָס „ליגט אַזוי אין דער טבֿע," און פֿאַרגלײַכט זי מיט אַ סך אַנדערע ייִדישע געוויינטהייטן, וואָס זײַנען גלײַך „נאַטירלעך." די צווייטע באַשרײַבט מענדעלעס „'ליבשאַפֿט צו דער נאַטור', דאָס הייסט צו אַלצדינג, וואָס וואַקסט, וואָס שפּראָצט, וואָס לעבט." אין ביידע היט מענדעלע זאָרגעוודיק אָפּ דעם כּשרן איבערפֿלאַך: אינעם ערשטן ווערן די אַלע ייִדישע געוויינטהייטן כּלומרשט באַצייכנט ווי נאַטירלעך און אַזוי ווערן זיי גוטגעהייסן; אינעם צווייטן זאָגט מענדעלע בפֿירוש, אַז ער ווייסט, אַז זײַן 'ליבשאַפֿט צו דער נאַטור' איז נישט ייִדישלעך: „אוי, איך ווייס, ווייס זייער גוט, אַז אַזוינס פּאַסט נישט פֿאַר אַ ייִדן."

ווי מיר וואָלטן זין אָבער געריכט, איז דאָס נאָר אַן אָנשטעל. אין דער ערשטער דיגרעסיע וויל מענדעלע באַווײַזן, אַז די אַלע ייִדישע געוויינטהייטן זײַנען לאַוו־דווקא נאַטירלעך. מ'וואָלט געקענט אָפּענטפֿערן אויף דער פֿראַגע „מה שמכם?" אַז מ'וויל נישט איבערגעבן צו אַ פֿרעמדן אַלע פּרטים וועגן זיך, און מענדעלע גיט אַ מוסטער פֿון אַזאַ ענטפֿער מיטן תּירוץ, אַז קיינעם פֿאַלט נישט אײַן צו ענטפֿערן אַזוי. אויספֿרעגן בײַ אַ פֿרעמדן אַ סך פּערזענלעכע פֿראַגעס איז טאַקע נישט נאַטירלעך. נאָכן אויסרעכענען אַנדערע ייִדישע געוויינטהייטן, וואָס ווײַזן אָן אויף ייִדישער גראָבקייט, מאַכט ער אַזאַ מין סך־הכּל:

> אַזעלכע און בדומה נאָך אַזעלכע זאַכן זײַנען בײַ אונדז, ייִדן, גאַנץ געוויינטלעך. אַז איז דער סדר־העולם פֿון אייביקע צײַטן און אָנצוראָפֿן זיך אַקעגן דעם וואָלט אויסגעקומען גאָר טאַקע ריין משוגע, עפּעס משונה ווילד, גאָר שלא כּדרך הטבֿע. . .

דורך זײַן איראָניש־סאַטירישע שילדערונג פֿון די ייִדישע געוויינטהייטן האָט ער שוין מרמז געווען, אַז די ייִדישע אויפֿפֿירונג איז „שלא כּדרך הטבֿע," און דערפֿון קען מען לאָגיש אַרויסדרינגען, אַז ס'איז טאַקע יאָ „כּדרך הטבֿע," „אָנצוראָפֿן זיך אַקעגן דעם." און דאָס טוט ער טאַקע אין משך פֿון דער הקדמה.

זײַן אָפּלייקענען דעם ייִדישן באַגריף פֿון דעם, וואָס איז נאַטירלעך, ברענגט אָבער מיט זיך די פֿראַגע: וואָס איז טאַקע נאַטירלעך? צוגעגעבן האָט ער די לעצטע דיגרעסיע כּדי צו ענטפֿערן דערויף, די הקדמה זאָל אַזוי אַרום נישט בלויז באַשטיין פֿון קריטיק, נאָר

זאָל אויך איבערגעבן אַ פּאָזיטיװן מוסטער פֿאַר אַ נײַ מין ייִדיש לעבן (װאָס איז װיכטיק, װײַל סאַטירע קען נישט פֿונקציאָנירן אָן פּאָזיטיװע נאָרמעס).[8] אַזוי מאָלט ער אויס – צװישן די פֿילצאָליקע אָפּרופֿן אויפֿן טראַדיציאָנעלן צוגאַנג צו דער נאַטור (קאַמאַפּלאַזש און אויך סאַטירע) – אַן אידילישן בילד פֿון זײַנע איבערלעבונגען אין דער נאַטור.

דערמיט װערט זייער בולט, אַז טראָץ זײַנע מלבושים איז מענדעלע נישט קיין ייִד מיט אַלע ייִדן גלײַך. מיר האָבן זיך פֿריער משער געװען, אַז ער האָט נישט ליב צו זײַן אין דער היים. דאָ װערט אָט די השערה באַשטעטיקט. ער שטעלט די װײַטערדיקע רעטאָרישע פֿראַגע: „סטײַטש, סטײַטש, װעט מען זאָגן, װי שעמט זיך עס נישט אַ ייִד מיט אַ באָרד, אַ ייִד אַ נצרך, אַ באַװײַבטער, אַ טאַטע פֿון קינדער, װאָס באַדאַרף בדרך־הטבֿע זיך זאָרגן. . . ?" (12) און שפּעטער ענטפֿערט ער דאָך אַליין אויף דער פֿראַגע, אַנװײַזנדיק אויפֿן אמתן „דרך־הטבֿע":

> אויפֿן פֿעלד, אין װאַלד בין איך גאָר ניט דער, װאָס אין שטאָט, כ'בין פֿרײַ,
> אויסגעטאָן פֿון יאָך. װאָס מיר װײַב, װאָס מיר קינד, װאָס מיר ייִד, װאָס מיר זאָרג?
> איך שעפּ נחת, גײ אויס פֿאַר תּענוג פֿונעם אײבערשטנס װערק, גיב מיך איבער מיט
> אַלע חושים און װער װי דערטרונקען אין גאָטס װעלט דער שײנער! . . . (דאָרטן)

## מסקנא

מיר האָבן געזען אינעם רעטאָרישן געבוי פֿון „הקדמת מנדלי מוכר־ספֿרים" דרײַ שיכטן. דער ערשטער, דער שמועס, האָט געדאַרפֿט פֿאָרשטעלן דאָס װערק װי אַ טראַדיציאָנעל־פֿרומס. דער צװײטער, די דיגרעסיעס, האָט געדאַרפֿט איבערגעבן משׂכּילישע געדאַנקען דורך סאַטירע, און דער דריטער, דער ענין „טבֿע," האָט געדאַרפֿט שאַפֿן אַ פּאָזיטיװן מוסטער פֿאַר אַ נײַ מין ייִדיש לעבן. דאָס װערק פֿונקציאָנירט אויף עטלעכע ניװאָען: דער פּשוטער לײענער קען געניסן פֿונעם פּשט און װעט אפֿשר גלײַכצײַטיק אומװיסנדיק אײַנזאַפּן דעם משׂכּילישן מוסר; דער שוין אויפֿגעקלערטער לײענער קען געניסן פֿון דער פֿאַרבאַהאַלטענער סאַטירע, װאָס ער װעט קענען אויפֿדעקן און טראַכטן װעגן מענדעלעס פֿירלײג פֿאַר אַ נײַ מין ייִדיש לעבן.

אַזוי האָט מענדעלע אויסגעפֿירט זײַנס. אָבער װאָס איז מיט אַבראַמאָװיטשן? איז די הקדמה בלויז אַ (זייער, זייער ראַפֿינירטע) שטיקל משׂכּילישע פּראָפּאַגאַנדע? האָט

[8] פֿאַרגלײַכט מירון :137 "The freedom of the open road is undoubtedly one of the positive norms upon which Mendele's satire is based."

אַבראַמאָוויטש – דורך מענדעלען – אין אָט דעם רעטאָרישן ווערק זיך נאָר געוואָנדן צום פֿאָלק? אָדער האָט ער דורך זײַן אַלטער־עגאָ אויך משפּיע געווען אויף זיך? דאַכט זיך מיר, אַז די הקדמה, וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן מיט כּמעט דרײַסיק יאָר שפּעטער, ווען די השׂכּלה איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט, קען נישט זײַן בלויז אַ משׂכּיליש ווערק. אַזוי דאַרף מען, כּדי אויפֿצודעקן ווײַטערדיקע שיכטן דערין, זיך נישט בלויז אָפּשטעלן אויף „הקדמת מנדלי מוכר־ספֿרים," נאָר אויף „הקדמת מנדלי מוכר־ספֿרים" געשריבן פֿון ש. י. אַבראַמאָוויטש.

## ביבליאָגראַפֿיע


גורשטיין, אהרן. „דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פֿון די 60ער יאָרן." די ייִדישע ליטעראַטור אין נײַנצעטן יאָרהונדערט. רעד. חוה טורניאַנסקי. ירושלים: מאגנס, תשנ"ג. 485-510.

מענדעלע מוכר־ספֿרים. אַלע ווערק ב'19. וואַרשע: פֿאַרלאַג „מענדעלע," 1928. 222בב'.

--------. האישון הקטן – דאַס קליינע מענטשעלע. תרגום, ערך והביא לדפוס שלום לוריא. חיפה: הוצאת הספרים של אוניברסיטת חיפה, 1984.

Miron, Dan. A Traveler Disguised. New York: Shocken, 1973.